ייִדען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פּרייז 15 גראָשען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 135 | Łódź, Wtorek ,13 czerwca 1933 r. | עלפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, י"ט סיון תרצ"ג | № 135

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71


# געעפענט די ווירטשאַפטליכע וועלט=קאָנפערענץ

## רעדעס פון ענגלישען קעניג און פון פּרעמיער מאַקדאָנאַלד

לאָנדאָן, 12 (ספּ. טעל.)

דער ענגלישער קעניג דזשאָרדזש האָט געעפענט די עקאָנאָמישע וועלט-קאָנפערענץ.

אין זיין ערעפנונגס-רעדע האָט דער קעניג געזאָגט:

„אין דער צייט פון אַלגעמיינעם וועלט-קריזיס בעגריס איך אייך מיט'ן געפיהל פון טיפער פעראַנטוואָרטליכקייט. איך רעכען, אַז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע טרעפט זיך, אַז אַ מאָנאַרך זאָל זיין דער פאָרזיצער אויף דער ערעפנונג פון אַ קאָנפערענץ פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. איך האָב די איבערצייגונג, אַז די דאָזיגע געמיינזאַמע בעמיהונג וועט דערפיהרען צו גינסטיגע רעזולטאַטען. אָהן דער פעלקער-ליגע און אָהן איהרע אידעאַלען צווייפעל איך, צו די היינטיגע גרויסע פערזאַמלונג וואָלט געקענט ווען עס איז צוזאַמענקומען. די גאַנצע וועלט געפינט זיך אין אונרוהע און אייך, מיינע הערען, דערוואַרט אַ שווערע אויפגאַבע, וועלכע מען וועט נישט קענען אויספיהרען אָהן גוטען ווילען און אָהן אויפריכטיגער צוזאַמענאַרבייט.

איך ציה אויס צו אייך מיין האַנד און פון טיפען האַרצען ווינש איך, אַז אייערע בעמיהונגען זאָלען דערפיהרען צו גינסטיגע רעזולטאַטען, אויף וועלכע אַלע פעלקער פון דער וועלט וואַרטען מיט אונגעדולד.

איך ווענד זיך צו אַלעמען אויפריכטיג צוזאַמענצואַרבייטען פאַר'ן וואוהל פון דער גאַנצער וועלט.

צום סוף האָט דער קעניג אויסגעדריקט זיין וואונש, אַז די רעזולטאַטען פון דער קאָנפערענץ זאָלען דערפיהרען די וועלט אויפ'ן וועג פון וואוהלשטאַנד און אָרדנונג.

לאָנדאָן, 12 (ספּ. טעל.)

פונקט 3 אַ זייגער בייטאָג האָט דער ענגלישער קעניג דזשאָרדזש געעפענט די ווירטשאַפטליכע וועלט-קאָנפערענץ.

ביי זיין רעכטער זייט איז געזעסען מאַקדאָנאַלד און דער גענעראַל-סעקרעטאָר פון דער פעלקער-ליגע עריק דרומאָן. ביי זיין לינקער זייט איז געזעסען דער סעקרעטאַר פון דער קאָנפערענץ אווענאָל.

אין די קולואַרען פון דער קאָנפערענץ צווישען די דעלעגאַטען און זשורנאַליסטען פון אַלע לענדער הערשט אַנ'אַלגעמיינע שטימונג פון גרויסער אונגעדולדיגקייט. מ'וויל שאַפען אַ שטימונג, אַז די קאָנפערענץ וועט אפשר ברענגען צו אַ מעגליכקייט עס זאָל אָבגעשטעלט ווערען דער ווייטערדיגער וואוקס פון ווירטשאַפטליכען קריזיס אין דער

(ווייטער זעה 3-טע זייט)

# נישט געלונגענער היטלעריסטישער פּוטש אין וויען

## באָמבעס אויף יודישע געשעפטען. — אַנטי-יודישע דעמאָנסטראַציע. — אויסגעהאַקט די שויבען. — דעמאָלירט כלומרשטע יודישע רעדאַקציעס

# טויטע און פערוואונדעטע אויף די וויענער גאַסען

ווין, 12 (ספּ. טעל.)

היינט איז אין וויען פאָרגעקומען אַ נישט-געלונגענער פּוטש פון די היטלעריסטען.

נאָכמיטאָג האָבען די היטלעריסטען זיך אָנגעהויבען פערזאַמלען פאַר די רעגירונגס-בנינים, פאַר די שטאָטישע בנינים, אוניווערזיטעט, און אָנגעהויבען דעמאָנסטרירען.

די פּאָליציי איז צוגעטרעטען פונאַנדערצוטרייבען די דעמאָנסטראַנטען, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען פערהאַלטען אַגרעסיוו. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ שאַרפען אָנגריף און געוואָרפען טרערען-באָמבעס און אַזוי אַרום פונאַנדערגעטריבען די דעמאָנסטראַנטען און אַרעסטירט העכער 100 פּערזאָ'.

אין אַ גאַנצע רייהע געוועלבער האָבען די היטלעריסטען אַריינגעוואָרפען באָמבעס, וואָס האָבען אָנגעמאַכט בעדייטענדע שאָדענס. אין דעם קוואַרטאַל מעלדלינג האָט מען געוואָרפען אַ באָמבע אין אַ געוועלב אין וועלכען ס'זענען דער'הרג'עט געוואָרען 2 מענשען און אייניגע זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

אין אָוועגד האָט די פּאָליציי בעקומען אַ ידיעה, אַז די היטלעריסטען ווילען אויפרייסען די רעגירונגס בנינים צוליב דעם איז פעראָרדענט געוואָרען אַ שאַרפע פּאָליציי־אישע און מיליטערישע אויפזיכט.

אַלע רעגירונגס-בנינים זענען שטרענג בעוואַכט. עס זענען דורכגעפיהרט געוואָרען מאַסע רעוויזיעס. אַלע היטלעריסטישע צענטער זענען פערמאַכט געוואָרען.

וויען, 12 (יט"א טעלעגראַפיש)

אין פערשידענע פונקטען פון וויען, האָבען די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען געוואָרפען באָמבעס אויף יודישע געשעפטען און אויף כלומרשט יודישע רעדאַקציעס. ס'זענען דאָ טויטע און פערוואונדעטע.

די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען האָבען אויך געפּרובט איינאָרדנען אַנטי-יודישע דעמאָנסטראַציע ס'זענען אָנגעקומען גרויסע פּאָליציי-אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען ערשט אין אָוועגד טיילווייז צוריקגעשטעלט די אָרדנונג.

אין פיל יודישע געשעפטען זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען. אין אָוועגד איז אין פּאָליציי-פּרעזידיום פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכען ס'זענען אָנגענומען געוואָרען פערהיטונגס-מיטלען.

## אַטענטאַט פון די נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטען אין עסטרייך

וויען, 12 (ספּ. טעל.)

דער אַטענטאַט אויפ'ן אָנפיהרער פון היימוועהר ד"ר שטיידלע האָט אין אינסבּרוק געמאַכט אַ גרויסען רושם. ד"ר שטיידלע איז שווער פערוואונדעט און געפינט זיך אין שפּיטאָל.

די פּאָליציי מאַכט גרויסע אַבלאַוועס אויף די אינסטיטוציעס און און פּריוואַטע וואוינונגען פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען און אַדורכגעפיהרט צווישען זיי מאַסען אַרעסטען.

בערלין, 12 (ספּ. טעל.)

ביוראָ וואָלף איז מודיע פון גראַז: זונטאָג ביינאַכט איז אין שטעטיל קורכדאָרף פאָרגעקומען אַנ'אויפרייס פון 2 באָמבעס, איידער עס איז פערבייגעפאָהרען דער נאַטשעלניק פון סטיר ד"ר ריכטעלען וועלכער האָט צוריקגעקעהרט פון אַ פערזאַמלונג אין גראַז.

קיינעם פון די פערברעכער האָט מען נישט געכאַפּט.


פּאַרק העלענאָוו
טראַמוואַי-צופאַהר 4 און 8

היינט, דינסטאָג, פינקטליך 9 אָווענד, קומט פאָר
אַ גרויסער רעליגיעזער קאָנצערט

פּאַרק העלענאָוו
טראַמוואַי-צופאַהר 4 און 8

פון וועלט-בערימטען
אויבער=קאַנטאָר
פון וואַרשעווער סינאַגאָגע

# משה קוסעוויצקי

פון וועלט-בערימטען
אויבער=קאַנטאָר
פון וואַרשעווער סינאַגאָגע

וועלכער וועט מיט דער בעטייליגונג פון לאָדזער סימפאָנישען אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען דיריגענט פּראָפ. ט. רידער אויספיהרען די שענסטע קאָמפּאָזיציעס ווי: תפלות, פאָלקס=לידער און אָפּערן=אַריעס פון זיין נייעסטען רעפּערטואַר.

ביים פלאַוויר: פּר. ליכטערמאַן=דאַווידאָוויטש

אַלע פּלעצער צום פּרייז 1.09 זל.

בילעטען-פערקויף: זעלמאַנאָוויטש, פּיעטריקאָווער 12 (קאָנדיטאָריי) און אין דער קאַסע פון „העלענאָוו".

אַלע פּלעצער צום פּרייז 1.09 זל.

